# בער־יאַגדע־שפּיץ

## אויגוסט, 2003

"זאָלסטו אַפֿילו מאַכן אַזאַ נסיעה? ס'איז טאַקע אַ גוטע אידעע?"

"פֿרעג ניט."

"אַזאַ נסיעה" איז געווען אַ קאַנו־רײַזע אויף צוויי וואָכן ווײַט אויף צפֿון אין קאַנאַדע, אין עטלעכע וואָך אַרום. פּונקט אין מיטן טון גאָרנישט אָנשטרענגענדיק האָט אַ דיסק וואָס הייסט ל4-ל5 געפּרוּווט אַנטלויפֿן פֿונעם רוקנביין און האָט אַ ביס געגנומען פֿון מײַן היפּט־נערוו[1] @. יסורים, ביז צוויי וווּנדערלעכע אײַנשפּריצונגען פֿון דעמעראָל און אַ נסימדיקע אינפֿוזיע פֿון קאָרטיזאָן האָבן געענדיקט די מלחמה. האָרכיק בין איך געגאַנגען אויף די סעסיעס פֿון גוף־טעראַפּיע און געמאַכט די אַלע געניטונגען, די גאַנצע צײַט פּרוּוונדיק ניט צו טראַכטן וועגן שטאַרביקייט און צי איך האָב אַ צײַטבאָמבע אינעם רוקן וואָס וועט אויפֿרײַסן אין מיטן אַ פּאָרטאַזש. דער דאָקטער האָט געהאַלטן אַז ניין, כּל־זמן איך היט זיך אָפּ; און אַלעקס, דער אָנפֿירער, האָט געוואָרנטערהייט מסכּים געווען.

איך בין שוין געהאַט געווען צוויי מאָל אויף נסיעות מיט אים, וווּנדערלעכע נסיעות ווײַט אין די וויסטע לענדער[א] אַרײַן, אין נונאַוווּט[ב], אויף מערבֿ פֿון הודסאָן־בוכטע[ג]. אַ שיינע שטאַרקע לאַנדשאַפֿט, וועלף, רעניפֿערן, פּיזעם־אָקסן, פֿייגל, אַפֿילו אַ רויבטאַקס שווימענדיק (ניט־ווילנדיק) טײַך־אַראָפּ דורך אַ לאַנגן מהלך שטראָמשוועלן. אין מיטן זומער, פֿאַרגייט די זון אָבער קוים און זײַנען שטענדיק דאָ געציילטע טויזנט, ניין, מיליאָנען קאָמאַרן, זשומזשען און זויגן אַרום (מיר האָבן קיין מאָל ניט געדאַרפֿט איבערלעבן דעם קורצן שוואַרץ־פֿליגן־סעזאָן). איך האָב ספּעציעל אַרויסגעקוקט אויף דער דאָזיקער נסיעה ווײַל זי איז געווען די לעצטע אינעם יאָר, פֿון סוף אויגוסט ביז אָנהייב סעפּטעמבער; איז, ניט קיין אינסעקטן (ווייניקסטנס, גאָרנישט ווי די זומערדיקע וואָלקנס) און אמתע טונקעלע נעכט מיט שטערן און אפֿשר צפֿון־ליכט. צוריק גערעדט, ס'איז אין גאַנצן רודערן אויף אָזערעס – ניט קיין טײַכשטראָם צו טאָן כּמעט די גאַנצע אַרבעט, שטענדיק דער ווינט אין פּנים אַרײַן – מיט "עטלעכע" פּאָרטאַזשן, מערסטנס קורצע, בלי־נדר.

---

[א] The Barrens or Barren Lands

[ב] Nunavut

[ג] Hudson Bay

דאָס פֿאָרן הײַנט איז װײַט ניט קיין פֿאַרגעניגן – אַעראָפּלאַנען זײַנען די טעג געװאָרן מער פּײַנלעך װי אויטאָבוסן: באָסטאָן קיין עדמאָנטאָן אויף אַן ענגן בענקל לעבן אַ גרויסן, גראָבן שװיצנדיקן פּאַרשוין װאָס איז אויף זײַן ערשטן פֿלי און װאָס האָט מורא פֿאַרן פֿליִען; און אויפֿגעװעקט בין איך געװאָרן אינעם האָטעל פֿיר אַ זייגער אין דער פֿרי פֿון צװיי נאַראָנים אינעם נעענטסטן צימער, װאָס זיי הייבן אָן מיט גרויסן טומל פּאַקן און אויספּאַקן זייער געצײַג אויף אַ געיעג־רײַזע. איך האָב געפֿונען דזשין אינעם אַעראָפּאָרט, װאַרטן אויך. זי איז געהאַט געװען אויף נסיעות מיט אַלעקס אַן אַכט, צען מאָל פֿריִער, די צװיי מיט מיר אַרײַנגערעכנט. און אַנדרו, פֿון אויסטראַליע, אויך אַ נאָכאַמאָליקער קליענט אָבער מיר האָבן זיך פֿריִער ניט באַגעגנט. (ס'איז געװען גרינג צו געפֿינען די רודערערס װי אונדז צװישן די היגע לײַט װאַרטנדיק אָפּצופֿליִען.) משמעות זײַנען די אַנדערע פֿיר קליענטן שוין פֿריִער געפֿלויגן קיין פֿאָרט סמיט – פּלוצעם האָט דאָס אויסגעזען װי אַ קלוגע זאַך, װײַל אונדזער אַעראָפּלאַן איז עפּעס קאַליע געװאָרן (מע דערקלערט קיין מאָל ניט קיין פּרטים, אַוודאי) און קיינער האָט ניט געװוּסט צי מיר װעלן אָנקומען אין פֿאָרט סמיט אַפֿילו דעם טאָג. "אַרקטישע צײַט" (אַ קרובֿ פֿון "ייִדישער צײַט") איז טאַקע אומפֿאָרמעל, אָבער ס'װאָלט בטל געמאַכט די גאַנצע מעשׂה. צום גליק האָבן זיי ערגעץ װוּ געפֿונען אַן איבעריקן אַעראָפּלאַן און מיר זײַנען אַװעק פֿאַרשפּעטיקט נאָר אויף פֿיר שעה.

אויף מאָרגן, קאַנו־רודערס אויסגעטיילט און דער גאַנצער פֿאַרמאָג אײַנגעפּאַקט אין דולוט־זעק[ד], זײַנען מיר אָפּגעפֿלויגן אין צװיי װילדעניש־אַעראָפּלאַנען[ה] אויף אַ דרײַ־שעהיקן פֿלי אויף צפֿון־מזרח ביז דער אָזערע װוּ מע האָט געהאַט אַװעקגעלייגט (אויפֿן רוקקער פֿון דער פֿריִערדיקער נסיעה) די קאַנוען בײַם אָנהייב פֿון אונדזער נסיעה. דאָס גאַנצע אַרומזיצן, אַרײַנגעשטאָפּט אין גרויסע און קליינע אַעראָפּלאַנען, האָט מיך געמאַכט אַלץ מער פֿאַרדאגהט װעגן דעם רוקן, אָבער הלוואַי װײַטער ניט ערגער. ניט אַזוי גוט איז געװען דער װעטער. נידעריקע װאָלקנס און װי אַ מאָל אַ רעגנדל, ניט שטאַרק גענוג אָפּצושטעלן די אַעראָפּלאַנען, נאָר כּמעט. מיר האָבן געלאַנדט אויף ש.־אָזערע[ו], בײַם ראַנד פֿון די װיסטע לענדער, אין אַ צומאָליקן רעגנדל.

אַלעקס האָט געהאַלטן *דעם רעפּעראַט*: װי *מע שלאָגט* אויף די געצעלטן, װעגן זיכערקייט, דעם טאָג פֿאַר טאָג צײַטפּלאַן פֿאַרן עסן, רודערן, זיך לאַגערן, און אַזוי

[ד] Duluth pack: אַ מין רוקזאַק, פֿון געדיכטער קאַנװע געמאַכט, געװיינטלעך אויף קאַנו־רײַזעס.
[ה] bush-plane
[ו] אַז מע האַלט מיט עלנטקייט בײַ אַזעלכע נסיעות, טאָר מען ניט עפֿנטלעך געבן די אמתע נעמען פֿון די ערטער.

און אַזוי. מע קען אים האַלטן פֿאַר אַ ביסל "דיריגירנדיק" נאָר אויב ער איז שטרענג אין זײַן שטייגער, בטבֿה, מוז מען זאָגן, אַז זײַן שטייגער טויג גאַנץ גוט.

איך: "קען איך העלפֿן מיט דעם?"

אַלעקס: "ניין, אַ דאַנק, איר וועט דאָס שלעכט טאָן." (אַ פּויזע אויף צוויי טאַקטן, און דערנאָך אַ שמייכעלע) "נו, ניט שלעכט, נאָר ניט לויט מײַן אופֿן."

דזשין און איך האָבן זיך צעשמייכלט, אַז אַלעקס, בײַם רעדן פֿון באַשיצן די נאַטור, האָט צעטראָטן פֿאַרטראָגן אַ שטיק שרעטל־בערעזע.

ניט קיין פֿאָרן דעם טאָג, אָבער מיר זײַנען געגאַנגען צו זען אַ דערבײַיִקע וואָלף־קאַנורע. אַ סך וואָלפֿשפּורן אָבער ניט קיין וועלף. שפּורן פֿון פּיזעם־אָקסן אויך אָבער די איינציקע ווילדע חיות זײַנען געווען די עטלעכע גרויע־סויקעס וואָס קוויטשען אויף אַ קול לעבן די געצעלטן.

אויף מאָרגן איז דער וועטער אַ ביסל בעסער געוואָרן, שטיקלעך זון האָבן זיך באַוויזן דורך די וואָלקנס, אָבער נאָך אַלץ צומאָליקע רעגנדלעך, און אַלץ איז נאָך געווען דורכגעווייקט, זײַנען מיר געגאַנגען נאָך אַ מאָל אויף אַ שפּאַציר בעת דאָס געצײַג זאָל זיך אויסטריקענען. נאָך וואָלפֿשפּורן און מיסט, און אויך לאַפּעדרוקן פֿון וועלפֿעלעך. גאָר נײַע, איז אַלעקס אַריבער אין "אויסשפּיר־שטייגער", געפֿאָדערט מיר זאָלן אַלע שווײַגן און זיך באַוועגן זאָרגעוודיק. איך אויך, נאָר תּמיד האַלט איך, אַז די חיות זײַנען קליגער פֿון אונדז און ווייסן שוין פֿון אונדזער "אָפּטשאַטעווען". נאָך אַ פֿערציק מינוט נאָכגיין די שפּורן, וואָס מיר האָבן פֿאַרלוירן פֿון אויג אויף די שטיינער און אין די זומפּיקע ערטער, ווידער אָפּגעזוכט אין די זאַמדיקע, זײַנען מיר פּאַמעלעך געגאַנגען באַרג־אַרויף אויף אַ קליינעם קויפּ און פֿאַרחידושט זיך מיט דער משפּחה וועלף, וואָס וואַלגערט זיך אויבן. צוויי שוואַרצע און דרײַ גרויע דערוואַקסענע און איין גרוי וועלפֿל, וואָס זײַנען אַלע תּיכּף אַנטלאָפֿן ווען זיי האָבן אונדז דערזען, אין צוויי גרופּעס אין אַנטקעגנדיקע ריכטונגען. ווײַט אַ הונדערט יאַרדן האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט און געהאַלטן אַן אויג אויף אונדז, רעווענדיק איין גרופּע צו דער צווייטער, כאָטש ס'איז געווען שווער צו הערן אינעם ווינט. זיי זײַנען געווען צו ווײַט אַוועק פֿאַר גוטע פֿאָטאָגראַפֿיעס, נאָר די אַלע אַפּאַראַטן האַלטן אין איין אַראָפּכאַפּן.

דאָס געראָטענע "געיעג" האָט גרינגער געמאַכט אויסהאַלטן דעם וועטער, אָבער דעם אָוונט איז געקומען נאָך אַ מאָל אַ רעגן און דערצו "כאַטע־פֿיבער". ווי מאַרק טווען האָט געזאָגט (אָדער, געזאָלט זאָגן), "אַלע רעדן וועגן דעם וועטער און הלוואַי וואָלטן זיי שוין אויפֿהערן." אַרומרעדן וואָס עס טוט זיך מיטן באַראָמעטער אָדער צי דער ווינט רוקט זיך איבער און וואָס דאָס אַלץ זאָל אָנזאָגן

– דאָס גאַנצע אַרומרעדן איז צוגעקומען נאָענט צו אַ רעליגיעזער כּוונה, אומפֿאַרמײַדלעך אַז מע שטייט שוואַך פֿאַר דעם אומקערעוודיקס און אומפֿאָרויסזייעוודיקס. מילא וואָס דער באַראָמעטער טויג ניט אַזוי ווײַט אויף צפֿון. מיר איז אַוודאי בעסער די זון איידער אַ רעגן, נאָר "עס איז וואָס עס איז און וואָס עס וועט זײַן," זאָל מען פּשוט וואַרטן אויף דעם עתיד. אָט די שטעלונג מײַנע איז מיר אַליין געווען אַ חידוש, ווײַל איך האָב טאַקע פֿײַנט אַרומגיין אין אַ רעגן.

דער עתיד איז אָנגעקומען אין דער פֿרי מיט דעם זעלביקן וועטער. נאָכן אָנבײַסן האָט זיך געדאַכט אַז דער כאַטע־פֿיבער האָט פֿאַרכאַפּט אַלעקס אַליין, און ער האָט באַשלאָסן בײַ זיך, אַז לסוף וועלן מיר זיך לאָזן ווײַטער פֿאָרן, ווייניקסטנס אויף עטלעכע שעה רודערן. די רעגן־דעקונגען פֿון די געצעלטן זײַנען נאָך געווען נאַס, אָבער מילא: "פּאַקט זיי אײַן אַזוי" – שוין גענוג. גוט בײַ מיר, דער עיקר ווײַל דאָס מיינט, אַז דער ערשטער פּאָרטאַזש וועט אָפּגעלייגט ווערן אויף אַ טאָג. ביז איצט איז בײַ מיר נאָך גוט מיטן רוקן, אַפֿילו מיט דעם אויפֿהייבן און טראָגן בײַם אויסלאָדן די אַעראָפּלאַנען, אויפֿשטעלן די קאַנוען, אאַז"וו, נאָר די פּאָרטאַזשן וועלן זײַן דער אמתער אויספּרוּוו.

אַלעקס און אַנדרו זײַנען געווען אין איין קאַנו, דזשין און איך אין אַ צווייטן. די אַנדערע פֿיר זײַנען געווען צוויי פּאָרפֿעלקער, וואָס זײַנען געקומען בײַנאַנד, עלסטאָן מיט דזשעקי האָבן באַקענט ביל מיט דזשאָאַן מיט קאַנו־פֿאָרן ערשט דעם יאָר. אין מיטן אָזערע איז געווען אַ פּאַסטקעדיקער ווינט פֿון הינטן אויף רעכטס, וואָס האָט אונדז געפֿערלעך געפּרוּווט אַן אומדרײַ טאָן[2]@, אָבער מיט מי האָבן מיר זיך געקענט בריהן. עלסטאָן איז געווען עפּעס אַ בלאָזער[3]@ אָבער זיך גוט אויפֿגעפֿירט און טאַקע פֿאַרזיכערט זיך, אַז ביל מיט דזשאָאַן זײַנען ניט אָפּגעשטאַנען באַזונדער אויף הינטן.

ס'איז געווען נאָך אַלץ פֿאַרוואָלקנט און כמאַרנע, אָבער ניט קיין רעגן. די אָזערע־ברעגן זײַנען געווען שיינע שטיינערנע גזימסן, באַדעקט מיט שוואַרצע און גרויע לישײַען. צווישן די צעשפּרענקלטע געזעמלעך אָפּגעריסענע שוואַרצע טענענביימער זײַנען געווען שיינע קאָברעצן מערביקע ווײַס־געלע רעניפֿער־מאָך (וואָס איז אין דער אמתן אַ מין לישײַ) און אויך טיילמאָליקע שטחים רויטע בער־יאַגדעס און ברוסניצעס, און שוואַרצע יאַגדעס, נידעריקע און קליינע, נאָר זיסע. מאָטיקעס קאַנאַדע־גענדז האָבן געכאַפּט אַ שיִער ניט בחינמדיקע יאַזדע אויפֿן צפֿון־ווינט. אַ פּאָר גרויע סויקעס זײַנען געפֿלויגן איבערן לאַגער – אפֿשר איז דאָ וואָס צו עסן – און שוואַרץ־האַלדז־טונקערס, אויסרופֿנדיק חסר־דעהדיק אינעם פֿאַרנאַכט, האָבן צוגעגעבן אַ גוטן סוף צו אַ גוטן טאָג, לסוף האָבן מיר זיך גערירט פֿון אָרט, און איצט אין בעט אַרײַן.

אויף מאָרגן – וואָס איז דאָס? אַ, יאָ, דינסטיק – איז געקומען דער ערשטן ערנסטן פּרווו פֿונעם רוקן: נאָך אַ צען מינוט רודערן זײַנען מיר אָנגעקומען בײַ אַ שווערן פּאָרטאַזש, אַ צוויי־דריטל מײַל אין דער לענג. איך האָב אויפֿגעטאָן מײַנס, זייער, זייער אָפּגעהיט – ניט קיין אַרויפֿוואַרפֿן דעם קאַנו אויף די פּלייצעס. איך האָב אויך איבערגעטראָגן אַ פּאָר קאַסטנס, שווערע, נאָר ניט אַזוי סכּנהדיק, ווײַל די פּאַק־רעם האַלט דעם רוקן ווי אַ קלאַמער. ביז איצט ניט קיין צרות, קיין עין־הרע, פּטוי. פֿון דאָרטן האָבן מיר גרינג געראַדערט דורך אַן ענגער באַנד טײַך, שוואַרצע שטיינערנע גזימסן נאָענט אויף יעדע זײַטן. דער וועטער האָט זיך אין גאַנצן אויסגעלײַטערט און דער טײַך האָט זיך צעשפּרייט אין אַ לאַנגער ענגער אָזערע.



מיר האָבן זיך געלאַגערט אויף אַ קליינעם אויפֿהייב איבער אַ זאַמדיקער פּלאַזשע. מע האָט אויסגעשפּרייט די נאַסע קליידער, און אַוודאי איז אָנגעקומען אַ (קורץ) רעגנדל. נאָכדעם אַז מיר האָבן אויפֿגעשלאָגן די געצעלטן, געמאַכט אַ "היים", בין איך אַרײַן אין טײַך זיך צו וואַשן – "נאָך אַ צוגאָב צו דער רשימה פֿון באָדן צו געדענקען"[ז]. אַ פּראַכטיקער זונפֿאַרגאַנג, רויט־אָראַנזשענע פֿלאַמען אָפּגעשפּיגלט אין דער אָזערע, און די טונקערס האָט נאָך אַ מאָל גערופֿן משוגעונערהייט דעם גאַנצן אָוונט.

אין דער נאַכט זײַנען געקומען טיילמאָליקע רעגנדלעך – געקלונגען ווי אַ מבול אינעווייניק אין געצעלט. אָבער קלאָר בײַ צײַטנס פֿאַר דער אַרבעט – אַ טאָג מיט פֿיר פּאָרטאַזשן, ניט לאַנגע, אָבער שווערע: גרינגער גיין אויף

[ז] אַזוי האָט אָפּט געשריבן H. W. Tilman, אַ בריטישערמחבר, באַרג־שטײַגער, און (אין די שפּעטערדיקע יאָרן) מאַטראָס.

רעניפֿער־סטעשקעס אָדער גלאַטן שטיין, נאָר ס'איז אויך אַריבער איבער פֿעלדזן־ימים אָדער זומפּיקער ערדער, אָדער דורך אַ וועלדל פֿאַרקרימטע קליינע טענענביימער, צויטיקע צופֿוסנס מיט אַ פּלאָנטער אויסגעטריקנטע צווײַגעלעך. בײַם לעצטן פּאָרטאַזש האָט איבער אונדז אַרויפֿגעשוועבט אַן אַמערקינער־אָדלער.

מיר איז געווען גוט, קיין עין־הרע, נאָך אַ היפּש שטיקל אַרבעט – אַ פּאָר קאַנוען (ניט איינער אַליין!) און אויך קאַסטנס און זעק, אָן צרות – ווײַטער אַזוי, מיט מזל!

מיר האָבן געפֿונען זייער אַ שיינעם אָרט פֿאַרן לאַגער, לעבן אַ בלעזלענדיקער שטראָמשוועל. אויסגעמאַטערטע, האָבן מיר אײַנגעאַנגען אויף אַן אָרט פֿול מיט קנוילן פֿאַרן געצעלט, נאָר שלאָפֿן האָבן מיר גוט געשלאָפֿן.

קומט אַ טאָג מיט זײַן אייגענער נאַרעשקייט – דער סוף פֿון איינער אַ פּאָרטאַזש איז געווען אַזוי ענג, אַז בלויז איין קאַנו פּאַסט שטילנע. האָב איך שטאַרק געהאַלטן דעם עק פֿונעם שטריק פֿון אַלעקסעס קאַנו, אים אַרויסצושטויסן אַ ביסל אַוועק אויף דער אָזערע. נו, גוט, וואָס איך האַלט פֿעסט דעם עק אין האַנט, נאָר קיינער האָט ניט צוגעבונדן דעם צווייטן עק אויפֿן קאַנו. "פֿאָר געזונט!" צום גליק האָט זיך דער קאַנו אָפּגעשטעלט ניט ווײַט פֿון ברעג, האָט דזשין אַרויסגעבראָדיעט, אים צוריקגעבראַכט, און פֿעסט פֿאַרבונדן דעם שטריק.

אַרויס פֿון געצעלט אין מיטן נאַכט (גיי רעד מיטן פּענכער), האָב איך באַמערקט אפֿשר צפֿון־ליכט – ניט קיין פֿאַרבן, בלויז זילבערן־ווײַס, ווי לבֿנה־ליכט, און ס'האָט זיך ניט קיין סך גערירט, נאָר ניט ווי אַ וואָלקן. אפֿשר.

אין דער פֿרי, נאָר איין פּאָרטאַזש, און דערנאָך אַ שיינער טאָג רודערן, אַ קיל ווינטל אונדערן בלויען הימל. מיר זײַנען דורך איין שטראָמשוועל, איך מיט ביל זײַנען געווען געגאַנגען דער לעצטער קאַנו, ווי קערער[ה] – אַן אַחריות און אַ כּבֿוד, וואָס, צום גליק, איז אונדז געראָטן געוואָרן.

נאָך אַ מאָל אַ שיינער לאַגער־אָרט, ווײַסע טענענביימער און טעפּעכער רעניפֿער־מאָך אומעטום. און די היגע טונקערס. איך האָב באַשלאָסן זיך אויפֿצוכאַפּן אין מינט נאַכט (צי פּענכער צי ניט), אפֿשר וועט זײַן צפֿון־ליכט. די אַנדערע האָט מיך געבאָטן איך זאָל זיי אויפֿוועקן אויב ס'איז וואָס צו זען. און כּך־הווה – האַלבע נאַכט בין איך אַרויס און דערזען אַ העל־ווײַסן ברייטן פּאַס איבערן הימל, די עקן פֿאָכן. זייער שיין. איך האָב די אַנדערע אויפֿגעוועקט, האָבן מיר געשאַפֿן אויף דער רגע אַ נײַ רעליגיע, פֿאַרגעטערן דאָס צפֿון־ליכט.

[ה] "sweep": דער וואָס פֿאָרט דאָס לעצטע שיפֿל, טאָמער עפּעס געשעט מיט אַן אַנדער אַקנו.

אין דער פֿרי האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אַ שיינער טאָג (נאָך דעם באַשערטן רעגענדל, אַ קורצס). ניט קיין פֿאָרטאַזשן, נאָר אַ שטאַרקער ווינט פֿון פֿאָרנט האָט געמאַכט שווער דעם רודערן, און כוואַליעס געגוג גרויס האָבן געמאַכט דעם רודערן אינטערעסאַנט. מיט דער צײַט זײַנען אַלע אַריבער איבער דער אָזערע אָן צרות.

דער לאַגער איז געווען אויף אַ ברייטן הויכלאַנד, אַ '15 איבער דער פּלאַזשע, מיט שוואַרצע טענענביימער, אָפּגעריסענע, מיט נאַקעטע צווײַגן, בלויז דאָ און דאָרט געזעמלעך גרינע נאָדלען. און מיט די גרעסערע ווײַסע טענענביימער (איך ווייס? אַלעקס האָט געזאָגט אַזוי און אַזוי). די ערד אַרום איז גאַנץ טרוקן געווען, באַדעקט מיט קרוכלען רעניפֿער־מאָך.ס'איז געווען קלאָר אויבן, און האַלב איינס אין דער פֿרי איז געווען נאָך אַן אויסשטעלונג פֿון צפֿון־ליכט.

אָבער בײַם אויפֿוועקן איז דער וועטער אַ ביסל שמוציק געוואָרן, גרוי מיט רעגענדלעך. נאָר ס'האָט אויפֿגעהערט רעגענען נאָכן עסן פֿרישטיק (אַלע מאָל די זעלבע זאַך: אַזוי פֿיל פּעקלעך האָבערגריץ ווי מע וויל, מיט ראָזשינקעס, צוקער, און דאָס גלײַכן). זײַנען מיר אָפּגעפֿאָרן האַלב צען, אַרויס פֿון דער קליינער באַשיצטער בוכטעלע און אַ גרינג פֿאָר אַריבער אויף יענער זײַט אײַ־אָזערע, וווּ הייבט זיך אָן אַ שווערע, אַ ווייטיקדיקע, אָבער די לעצטע פּאָרטאַזש. בלויז אַ האַלב מײַל, אָבער אַ דריטל איז דורך אַ זומפּ, ווי גיין אויף שוואָמען, און עטלעכע טוץ שוואַרצע פֿליגן דערצו. כאָטש דאָס גיין איז שווער, דאָס איז אַלץ, דאָס איז די וועלט, מע טראַכט בלויז דערויף, וווּ צו שטעלן דעם פֿוס, וווּ צו קערעווען דעם קאַנו. ס'איז געווען אײַנגענעם, דאָס "לעבן אין דער איצטיקייט".

ביל האָט געכאַפּט אַ פֿיש, אַ גרוילינג[ט], גרויס, אפֿשר אַ דרײַ פֿונד. אַלעקס האָט עס אַרײַנגעמישט אין דער זופּ – געשמאַק!

נאָך אַ מאָל צפֿון־ליכט, האַלב צוויי אין דער פֿרי. בײַם אויפֿכאַפּן איז דער טײַך געווען גאַנץ באַדעקט אין נעפּל, זייער שיין מיטן רויש פֿון דער שטראָמשוועל אויף דרום. אויבן איז דער הימל קלאָר, בלאָ – דער נעפּל האָט זיך צוגעטוליעט צום וואַסער.

מיר האָבן גערודערט נאָר ביז איינס אַ זייגער נ"מ, אויפֿגעשלאָגן די געצעלטן און, כאָטש מיד, געלאָזט זיך אין וועג אַרײַן, זוכן חיות, בפֿרט פּיזעם־אָקסן. דאָס גיין איז געווען גרינג, אויף אַ הויכן עסקער[י], וואָס שלענדערט זיך אַרום ביז אַ

---

[ט] grayling, אַ מין לאַקס, וואָס לעבט אין זיסן וואַסער.

[י] esker: אַ זאַמד־קאַם געפֿורעמט פֿונעם אָפּזאַץ פֿון אַ שטראָם וואַסער וואָס איז אַ מאָל געלאָפֿן אינעווייניק דורך אַ גלעטשער; גיט אַ קוק אויף https://secure.wikimedia.org/wikipedia/en/wiki/Esker.

הויכפּונקט מיט אַ בליק צוריק אויפֿן טײַך, האָב איך בעסער געזען ווי וואָס־איז־דאָס אויף דער קאַרטע איז טאַקע דאָס־און־יענס אויף דער ערד. ס'איז אַ לאַנד פֿול מיט וואַסער – טײַכן, טײַכעלעך, אָזערעס, אָזערלעך, אַ פּלאָנטער.



אויף אַ זאַמד־שפּיץ וואָס שיִער ניט צעטיילט די אָזערע אין צווייען, ווײַט אפֿשר אַ מײַל פֿונעם לאַגער, שטייט אַ פּיזעם־אָקס, און נאָך פֿיר אויפֿן לינקן ברעג. די דאָזיקע פֿיר האָבן אָנגעהויבן אַריבערשווימען צום איינציקן, אָבער ניין – צוריקגעשוווּמען. דרײַ זײַנען סוף־כּל־סוף אַריבער, דער איבעריקער האָט אַוועקגעוואַלגערט אַוועק פֿונעם טײַך. אפֿשר וועלן מיר זיך נאָך אַ מאָל טרעפֿן.

אַרבעטער־טאָג איז געקומען מיט אַ סך אַרבעט – באַלד ווי מיר זײַנען אַרויס פֿונעם אָפּדאַך אינעם קליינעם בוכטעלע, האָבן מיר גאַהאַט אַ שטאַרקן ווינט מיט כוואַליעס אַ צוויי מיט אַ האַלב פֿוס אין דער הייך. ס'האָט געדויערט לענגער ווי אַ האַלבע שעה זיך אַריבערשלעפּן איבערן מײַל ביזן צווייטן ברעג – ווי אַ באַרג־און־טאָל־באַן. דער ברעג האָט געגעבן אָפּדאַך פֿונעם ווינט אָבער צווישן די שפּיצן בײַם אָפֿענע בוכטעס האָבן זיך נאָך אַ מאָל באַוויזן ווינט און כוואַליעס.

סוף־כּל־סוף זײַנען מיר אַרײַן אין אַ לאַנגער, ענגער אָזערע, דורך זייער אַ מאָדנעם אַרײַנגאַנג: דער עק אָזערע איז געווען זייער פּלאַטשיק, מע האָט קוים געקענט רודערן, אַחוץ אַן ענגן קאַנאַל, טיף און בלאָ דורכן פּלאַטשיקן געלן זאַמד אויף ביידע זײַטן, אפֿשר דרײַסיק פֿוס אין דער לענג. מסתּמא איז דאָס דורכגעשניט געוואָרן פֿון דאָס נײַ יעדן פֿרילינג דורכן הויכן וואַסער פֿון שניי־שמעלצן.

דער לעצטער לאַגער: דאָ האָבן מיר געדאַרפֿט וואַרטן אַ טאָג צוויי־דרײַ אויף די אַעראָפּלאַנען. האָב איך דאָס וואַרטן אָנגעהויבן מיטן זיך אויסבאָדן, דאָס ערשטע מאָל אין אַ פּאָר טעג[י״א]. מיר איז גוט געווען, אָבער איך מיין אַז דזשאָאַן. איז אַ ביסל אויפֿגעשראָקן געוואָרן ווען זי איז פֿאַרבײַגעגאַנגען לענג־אויס דער פּלאַזשע.

האַלב צוויי אין דער פֿרי איז נאָך אַ מאָל געווען צפֿון־ליכט (נאָך אַלץ ניט "אַ, יאָ"), און מאַרס איז אַזוי העל געווען אַז מע קען זען זײַן אָפּשפּיגלונג אין דער אָזערע.

אין דער פֿרי זײַנען מיר פֿרי אין וועג אַרײַן, זוכן חיות – אַ שיינער טאָג, זוניק, אַ זעכציק גראַד. נאָך אַ שעה גיין, איבער אַ ריטשקע, אַן אמתער מיט אַ שטיינערנעם געלעגער, ניט די געוויינטלעכע דורכגעווייקטע ערד, און פּאַזע די עסקערס ווען מיר קענען – נאָך אַ שעה גיין האָבן מיר דערזען, ווײַט אפֿשר אַ מײַל, אַן איינציקן פּיזעם־אָקס, לעבן אַ סטאַוו. ווי נמרוד זײַנען מיר נעענטער געקראָכן, שטיל, שטיל. באַטאַפּט ער די זאַמדיקע ערד מיט דער טלאָ און דערנאָך האָט ער זיך געקאַטשעט אינעם לויזן זאַמד. נאָך זײַן באָד האָט ער זיך אַוועקגעלייגט כאַפּן אַ דרימל.

מיר האָבן אָפּגעטשאַטשאַוועט דעם גרויסן ברוינעם קויף ביז אַ 50 יאַרד, האָט ער דעם קאָפּ אויפֿגעהויבן, די אויערן אָנגעשטעלט (נעם איך אָן). מיר האָבן זיך געמאַכט ווי פֿאַרגליווערט אויף אַ מינוט דרײַ־פֿיר, ביז ער לייגט זיך אַוועק נאָך אַ מאָל. זײַנען מיר געקומען אַ צען־צוועלף יאַרד פֿון אים און גענומען אַראָפּכאַפּן בילדער ביז דאָס געפּילדער פֿון די אַלע אַפּאַראַטן האָט אים אויפֿגעוועקט. איז ער אַרויפֿגעשטאַנען אָבער ניט אַנטלאָפֿן, נאָר געשטאַנען פֿאַר זײַן פּאָרטרעט, ערשט דעם רעכטן פּראָפֿיל, דערנאָך דעם לינקן.

---

[י״א] איך מיין אַז אַ פּאָר מאָל האָב איך זיך ניט געבאָדן אַ צען־עלף טעג, אַחוץ וואַשן דאָס פּנים, וואָס לאָזט מיך פֿילן אַ בסיל ווי אַ מענטש. ס'זײַנען געווען טעג מיט קאָמאַרן אַזוי געדיכט, אַז דאָס וואַשן זעט אויס ווי אַ חנדל.



**לינקס**

סוף־כּל־סוף האָט ער פּאַמעלעך געוואָגלט מערסטנס אין דער ריכטונג צום לאַגער צו, זײַנען מיר אים נאָכגעגאַנגען אויף אַ ווײַלע, ביז ער איז אַרויף אויף אַ קליינעם קויפּ. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיטן קאָפּ געשטויסן אויפֿן שטאַם פֿון אַ טויטן טענענבוים, זיך געדרייט און אויף אונדז געקוקט – מיר זײַנען ווײַט געווען אַ צוואַנציק יאַרד – באַטאַפּט די ערד, געשנאָרכצט און בורטשעט. נאָך אַ מינוט זיך אָנקוקן ("דו זאָגסט מיר עפּעס?"), איז ער אַנטלאָפֿן. די גאַנצע אַוואַנטורע האָט אונדז געלאָזט אַ צוריקקער פֿון פֿיר שעה, אפֿשר זיבן מיט אַ האַלב מײַלן.

אין דער פֿרי נאָך אַ שפּאַציר, אָן חיות אַחוץ פֿיר טענענבוים־וואַלדהינער אויף אַ שטיינערנעם קויפּל און אַ פּראָסטן פֿליקער אויף אַ קליינעם בוים. מיר זײַנען צוריק אין לאַגער בײַ צײַטנס פֿאַרן פּרעסערס אָנבײַסן, און זיך צעגאַנגען, יעדער אויף זײַן אייגענעם וועג. מאָרגן זאָלן אָנקומען די אַעראָפּלאַנען.

איך בין געגאַנגען לענג־אויס דער זאַמדיקער פּלאַזשע אַ הונדערט יאַרדן ביז צום קליינעם קויפּל בײַם שפּיץ אויף מערבֿ פֿונעם לאַגער. מײַן פּלאַץ. אַ פּאָר צעפּאַטלטע טענענביימער צווישן די שטיינער, וואָס זײַנען אַלע באַדעקט מיט רויטע בער־יאַגדע־קוסטן. דער ווינט האָט זיך פֿאַרשטאַרקט, בלאָזנדיק מיט אפֿשר 10-12 קנופּן, וואָס מאַכט אויף דער פּלאַזשע אַ קליינעם אינדנבראָך און אויף דער אָזערע ווײַסקעפּלעך. אויבן אויפֿן קויפּל איז געווען אַ נידעריק שטיקל גזימס פֿון שטיין, לישײַ־באַדעקט, עפּעס אַ שטול, אַ זעלטענע און אָנגעלייגטע זאַך דאָ בײַם ברעג פֿון די וויסטע לענדער. די האַרבסט־קאָלירן האָבן זיך דאָס יאָר פֿאַרשפּעטיקט, האָט אַלעקס געזאָגט, און די בערגעלעך אַרום דער אָזערע האָבן

נאָך אַלץ באַוויזן אַ סך גרין (אַחוץ די נאָדל־ביימער) צווישן די געלע קאַרליק־בערעזעס און העלע רויטע יאַגדע־קוסטן און ערד־דעקן. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט, באַטראַכט די כוואַליעס. דער רוקן איז שטיל געבליבן די גאַנצע צײַט און ס'איז געווען גאָר אַ שיינע נסיעה – בין איך אַ צופֿרידענער.

בין איך נאָך ניט קיין טויטער.



**דער אויסבליק פֿון בער־יאַגדע־שפּיץ**

================================
Copyright © 2010 Barry Goldstein
דרוקרעכט © 2010 בעריש גאָלדשטייןף
6/29/2010 8:26 PM
ber-yagde-shpits.doc

---

[1] sciatic nerve?
[2] שיף־טערמינען אויף ייִדיש? broach, port, starboard, stern quarter
[3] "bloviator"? פּלאָקן־שיסער?